בעז"ה

ערב ר"ח אלול

# שיעור דעת

~חודש אלול~

## ע"י מרן ראש הישיבה שליט"א

בענין: ימי אלול בהשקפה תורנית

נמסר יום ו' פרשת ראה תשע"ו לפ"ק

ישיבת מרן הגאון
רבי מרדכי הכהן
בעק שליט"א

תפארת משה

רבי ישראל סאלאנטער ז"ל ברענגט אין זיינע כתבים, זיינע זכרונות פון זיין יוגענט,[א] אז בשעת מען האט געבענטשט ר"ח אלול האט א יעדן געכאפט א ציטער. דער קול קורא אלול, האט אלעמען באריגט און געמאכט אויף יעדן א רושם, ער שרייבט אבער איז עס געווען א חילוק, די אמת'ע בני תורה האט עס אמת'דיג באריגט עד עומק נפשם, אבער די פשוטי' עם האט עס טאקע באריגט אבער נישט אויף אזא שטארקן פארנעם.[ב] שרייבט ער דארטן אז לכאורה דארף וואן זיין פארקערט, איינער וואס האט זיך געפירט כהוגן, און מנצל געווען די זמן אויף תורה ותפלה האט ער דאך נישט וואס אזוי מורא צו האבן, און ווידער א איד וואס פאלט אמאל דורך פון די עם שבשדות וואלט ער דאך געדארפט אמת'דיג דערציטערט ווערן.[ג]

און פארוואס דאס איז טאקע אזוי, איז פשט אז ווער עס שטייט ביי רוחניות ער לעבט מיט תורה ועבודה און מיט יר"ש, דער דערהערט דאס קול אסאך נאנטער, אזוי ווי איינער וואס שרייט, דער וואס שטייט נאנטער הערט דאס קול אסאך שטערקער, און ווידער אלס ווייטער מ'שטייט אלס שוואכער איז דער קול, אזוי ווי ס'שטייט ביי משה רבינו, ווען דער בוכ"ע האט גערעדט צו אים שטייט אז דער קול איז נפסק געווארן מחוץ לאהל מועד, יכול מפני שהקול נמוך, שטייט אויף דעם קול ה' בכח קול ה' שובר ארזים, נאר מיט דעם אלעם איז עס נפסק געווארן מחוץ לאהל מועד, דאס זעלבע איז מיטן ארי שאג, אין בית המדרש הערט מען טאקע דעם קול גדול ולא יסף, אבער אין גאס איז

[א] פונעם הייליגען דברי חיים זאגט מען נאך לולא האמנתי לראות בטוב ה', לול"א איז ר"ת אלול, האמנת"י איז א לשון פון אומן את היונק, והוא אומן את הדסה, א לשון פון ערציען, לול"א האמנת"י אין אלול בין איך אויפגעצויגען געווארן לראו"ת בטו"ב ה' גוט מורא צו האבן פונעם אויבערשטער.

[ב] אין חב"ד איז באקאנט עס איז דא אסאך שטיקלעך פונעם הייליגען תניא נ"ע מסביר צו זיין און מבאר זיין די גרויסקייט פון די אלול טעג, און אז דאס איז נישט סתם דרייסיג טעג אלס הכנה צו די ימי הרחמים והרצון, עס איז די זמנים וואס הקב"ה איז נתרצה געווארן צו כלל ישראל, די זמן וואס משה רבינו איז ארויפגעגאנגן אין הימל, און אין אט די זמנים קענען מיר צוקומען און דערגרייכן צו דעם א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י.

[ג] פון הרה"ק מ'סאטמאר ז"ל האב איך געזעהן געשריבען אז ער פלעגט צו זאגן, ביים טאט'ן (הקדושת יו"ט) פלעגט מען שפירען דעם אימת הדין שוין פון שבועות אן, האט ער געזאגט אויף זיך, אונז כאפט עס נאכנישט שבועות אבער עס קומט די זמן און מען הייבט אן לייגען אלה הדברים דרייען זיך מיר די קישקעס.

שטיל קוים וואס מען הערט דאס ווארט אלול, דאס קול ווערט נפסק מחוץ לכותלי בית המדרש.

רש"י זאגט אין מס' שבת (דף ל"א.) אויף די מימרא פון רבא **בשעה שמכניסין אדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה, קבעת עתים לתורה** וכו', **לפי שהאדם צריך להתעסק בדרך ארץ שאם אין דרך ארץ אין תורה**, אזוי ווי די משנה זאגט אין אבות, **הוצרך לקבוע עתים לתורה דבר קצוב**, איז א חיוב אראפצושטעלן זמנים מיט א שטארקע קביעת, שלא ימשך כל היום לדרך ארץ, רש"י האט ווייזט אויס געארט די לשון קבעת עתים לתורה, ס'דאך דא א חיוב פון והגית בו יומם ולילה, א מענטש איז דאך מצווה ועומד צו לערנען כסדר, און אויב דארף ער מפסיק צו זיין צום עסן אדער שלאפן וכדו', אזוי ווי ס'שטייט עת לעשות לה' הפרו תורתך, דארף ער דאך אויסנוצען יעדעס ליידיגע מינוט אויף לימוד התורה, און וואס איז פשט אין קבעת עתים לתורה עס איז דאך נישט שייך אויף דעם קיין זמן מסוים, אויף דעם זאגט רש"י אז אויב עס איז אזוי אז ווען מען האט צייט לערנט מען, וואלט מען ווען קיינמאל נישט געהאט קיין צייט אזוי ווי די משנה זאגט אל תאמר לכשאפנה אשנה שמא לא תפנה,[ד] דערפאר ברויך מען האבן א שטארקע קביעת עתים לתורה, מקדיש זיין געוויסע זמנים חק ולא יעבור בלויז אויף תורה, און דורך דעם וועט ער נישט נמשך ווערן, און אויף וויפיל ער דארף עוסק זיין בדרך ארץ איז דאס נאר אין די אנדערע זמנים, די היתר אויפן מבטל תורה זיין צוויי וואכן בימי בין הזמנים איז נישט ברור, עס האט נישט קיין מקור מסמך, נאר וואס דען כך נהגו, און דער מתיר איז לכאו' דער אם אין קמח אין תורה, און א חלק פון דער דרך ארץ פארלאנגט אז א מענטש זאל מוסף זיין פרישע כוחות זיך צו צושטרייען, מילא איז דא א מקור צו דער זאך. און דערנאך האט ער די כוחות נפשיות און די כוחות גפניות, זיך מער מרכז צו זיין און מקדש זיין דאס זמן צום לערנען, אבער מ'דארף צו דעם א שטארקע קביעת שלא ימשך כל היום לדרך ארץ, דאס איז נישט קיין זאך וואס מען קען אויף דעם בויען אדער אפילו סומך זיין, דאס אלץ איז אן הכשרה

[ד] רבי יונה פארסט ז"ל פלעגט מוסר'ן די תלמידים אין ישיבה בצחות לשונו, פרייטאג לערנט מען דאך וואס מען וויל, קומט אויס אז מ'לערנט נישט גארנישט, ווייל ווילן וויל מען גארנישט לערנען.

אויף לימוד התורה און בית המדרש איז פשט אז מען איז זיך מקדיש אינגאנצן צו פארשטיין דער תכלית פונעם מענטש, אויף וואס ארויף ער איז באשאפן געווארן דהיינו זיך אויסצוארבייטן די מערסטע וואס שייך, מאכן פון זיך א תלמיד חכם זיך משלים צו זיין און מידות, זיך מאכן פאר אזא איינער וואס האט מורא פאר אן עבירה, און זיין שאיפה זאל זיין נאר תורה ועבודת ה', און די אנדערע צרכים גופניים איז אלס א מבוא און אן אמצעי אנצוקומען דערצו.

און בפרט ווען עס האנדלט זיך פון חודש אלול, מ'זאגט נאך א מליצה פון צדיקים, די גמ' זאגט (מס' עירובין דף יח:) אחורי ארי ולא אחורי אשה, אב איז דאך מזל אריה, מ'דארף תשובה טוען און אב איז מזל אריה און נישט אויסווארטן אויף אחורי אשה וואס דאס איז די מזל בתולה אין חודש אלול.[ה]

רש"י איז מפרש די פסוק וואס שלמה המלך זאגט אין קהלת, "שמור רגלך כאשר תלך אל בית אלוקים וקרוב לשמוע מתת הכסילים זבח כי אינם יודעים לעשות רע", טייטשט רש"י שמור רגלך היאך תלך, גיב אכט וויאזוי צו גיין, וקרוב לשמוע און מאך זיכער דו ביסט נאנט צו הערן, מתת הכסילים זבח ווי איידער צו זיין פון די כסילים וואס ברענגען קרבנות און חטאות וואס זיי ווייסן נישט בכלל אז עס איז זיי שלעכט, א נאַר איז אייביג פריש און מינטער אויפגעלייגט, אבער אין רוחניות איז ער א כסיל ער ווייסט נישט אז ער טוט עבירות און דורך דעם טוט ער שלעכטס פאר זיך אליינס, ער איז זיך מחבל און משחית בידים, ער ווייסט נישט אז ווער ער איז זיך מונע פון א מצוה פעהלט אים א שטיק חיות, צו דעם דארף מען זיין נאנט אזוי ווי רש"י זאגט הוי קרוב לשמוע דברי הקב"ה.

מען קען אבער מפרש זיין די פסוק אויף אן אנדערן אופן, שמור רגלך כאשר תלך לבית אלוקים, האלט אפ דיינע רגילות פארן אריינקומען אין בית המדרש, נאר וואס דען וקרוב לשמוע זיי דיך מקרב צו הערן דברי אלוקים חיים, וואס דורך דעם וועט זיין מתת הכסילים זבח דו וועסט נישט אויסקוקן ווי די כסילים וואס זינדיגען און דערנאך קלאפן זיי זיך אשמנו און יוה"כ, און זיי ווייסען נישט אפילו אויף וואס זיי קלאפן זיך, זיי ווייסען נישט פון קיין שלעכטס, זיי זענען יוצא מיט'ן זינגען שיינע ניגונים און זאגן שיינע פזמונים ביי סליחות.

בכדי מען זאל הערן דעם קול דארף מען זיין נאנט והוי קרוב לשמוע, זיך ארייננווארפן אין תורה און אין רוחניות און דערנענטערט ווערן צו הקב"ה און אזוי וועט ער הערן דעם קול.[ו]

פון חזון איש שטייט אינעם ספר אמונה ובטחון אן אינטערעסאנטע געדאנק, אז דער ענין פון מידות טובות און מידות רעות איז באמת איין זאך ביסודם, איינער וואס האט א ריין הארץ און וויל נתעלה ווערן, און ער פארשטייט אז א איד איז באשאפן געווארן אויף העכערס און ער פארשטייט די שמחה וואס איז דא ווען א מענטש איז אפגעטיילט פון ארציות, ער איז מבחין אז וואס דער וועלט שטעלט צו איז נארישקייט און ער איז א מבין אויף דעם קרבת ה' לי טוב, און ער הייבט זיך אביסל פון ארציות, אזוי ווי די רבינו יונה (שערי תשובה שער שני אות יח) שרייבט, **וכמה קשה המוות למי שלא הפריד תאוות העולם מנפשו עד אשר יפרידנה המוות**, די גמ' ברענגט דאך איז פארהאן צוויי ערליי מיתות, מיתות אסכרא וואס דאס איז ווי מען שלעפט דורך א דיקע שטריק דורך א שמאלן לאך, וואס דאס איז זייער שווער, און נאכדעם איז דא א מיתה וואס איז כמשחל בניתא מחלבא ווי מען שלעפט ארויס א האר פון א גלעזל מילך, קען זיין דאס איז פשט אין רבינו יונה, א מענטש וואס איז מלא חומריות און ארציות שקוע בתאוות העוה"ז, איז זייער שווער אים אפצוטיילן פון דער וועלט, ווייל דארטן אויבן איז נישטא די אלע גשמיות.[ז]

---

[ה] מען קען אפשר מוסיף זיין נאך ווייטער אחורי ארי מ'זאל תשובה טוען עכ"פ סוף מזל ארי, ווייל טאמער נישט וועט ער נישט תשובה טוען נאר אחורי אשה סוף אלול,
און ווי מ'זאגט נאך פון צדיקים די גמ' זאגט באחד באלול ראש השנה למעשר בהמה, אז מ'פאלט אריין אין אחד באלול אן קיין הכנה אזוי ווי מ'שטייט און גייט איז מען אזוי ווי א בהמה.

[ו] רבי ר' אלימלך ז"ל זאגט אין הנהגת האדם אז א מענטש זאל אויפשטיין פרי און לערנען, וועט זיך אים אויסשטעלן אזוינע עבירות וואס ער האט אפילו נישט געוויסט אז זיי זענען עבירות, אזוי ווי ס'שטייט אין זוה"ק או הודה אליו חטאתו, דאס מיינט מען די תורה איז אים מודיע אז ער האט געזינדיגט באופן רחמנותא.

[ז] רבי אהרן קארלינער ז"ל איז אוועק גאר יונג ביי די זיבן און דרייסיג יאר, און פארן הסתלקות האט ער געזאגט אויף זיך אז

און דער יסוד איז איין זאך, א מענטש וואס איז אויסגעטוען פון תאוות עולם הזה, ער איז אויסגעארבעט און איז שואף אויף העכערס דאס הייסט מידות טובות, ווידער א מענטש וואס איז נביך אין ארציות קלאפט עס אמאל אויס אויף כעס, אכזריות, וכדו', און דעריבער איז עס מפורש אין די ספרי מוסר אלס עקסטערע ענינים מ'זאל וויסען פונקטליך וואס איז טוב און וואס איז רע, אבער ביסוד הדברים איז אלס איינס.

און די חזון איש איז מעמיס מיט דעם די פלוגתא פון רבי יוחנן בן זכאי ותלמידיו, ר' יוחנן בן זכאי האט געזאגט פאר די תלמידים **צאו וראו איזהו דרך ישרה שידבק בה האדם**, און די משנה (אבות פ"ב מי"ג), רעכנט אויס די סברות פון אלע תלמידים, האט ריוב"ז געזאגט **רואה אני את דברי רבי אלעזר בן ערך מדבריכם שבכלל דבריו דבריכם**, ר' אלעזר בן ערך זאגט דאך **איזהו דרך טובה לב טוב**, זאגט ער אז די תלמידים האבן אויך געוויסט אז ר' אלעזר בן ערך האט רעכט זיי האבן נאר געהאלטן אז צוצוקומען צו א לב טוב דארף מען קודם אדורך גיין די אלע זאכן, און ח"ו אויב א מענטש איז נישט קונה דער זאך פון זיין העכער פון דעם עולם הגשמי, זאגט די רבינו יונה **ודע כי נפש הרשע אשר כל תאוותו לחפצי הגוף בחייו ונפרדת תאוותו מעבודת הבורא ונבדלת משרשיה**, דהיינו ער האט נישט קיין געשמאק נאר בחפצי הגוף, און ס'איז נפרדת תאוותו מעבודת הבורא, ער האט נישט צו דעם קיין חיות און געשמאק, זאגט דער רבינו יונה זייער שארף אז אפי' ער טוט סוף כל סוף גוטס נאר ער האט נישט קיין געשמאק דערין, דהיינו ער האט נישט קיין געשמאק און קיין שום דבר רוחני, זאגט ווייטער די רבינו יונה **תרד במותה למטה בארץ אל מקום תאותה ותהו תולדתה כטבע העפר לרדת ולא לעלות, אבל יעלוה למרום לדין ולמשפט ולראות איך החליפה מרום בשאול כאשר יעלו את האבן על ידי כף הקלע, ואחרי עלותה למרום תרד בטבעה למטה לארץ כאשר האבן חוזרת ונופלת לארץ אחרי הזריקה** דהיינו ער איז מסביר וואס דאס איז כף הקלע, ער וועט ארויפגעווארפן ווערן אויבן ער זאל זעהן ווי שיין ס'איז דארטן אבער ער וועט דארט נישט קענען בלייבן ער פאלט צוריק אראפ, און דאס הייסט אויף וויפיל און ווי ווייט ער האט א שייכות און געשמאק אין רוחניות, וועט ער אויף יענע וועלט אויסגעלאטערט ווערן וועט עס קענען שטערקער ווערן, אבער מען מוז האבן עטוואס א שייכות מיט דעם, אזוי ווי רש"י זאגט אין סוף מס' ברכות (דף ס"ג.) אויפן פסוק מן העולם ועד העולם, **הנהיגו ברכותיו בעוה"ז כדי להיות רגילים לעוה"ב שכולו ארוך**, עס פעהלט אויף א שטיקעל התרגלות אויפן עולם הגשמי.[ח]

און דאס איז די נקודה די שאיפה אויף רוחניות און ריינקייט קומט פון רגילות און תורה און פון פילעווען אין אידישקייט.

די מדרש זאגט דאך **אשרי אדם שומע לי לשקוד על דלתותי לשמור מזוזות פתחי, היינו דאמרי אשרי אדם ששמועותיו לי**, ער איז אזוי אנגעשטעלט אז ער הערט דעם קול ה' שובר ארזים, ער הערט די דיבורים פון הקב"ה, ולשקוד על דלתותי לשמור מזוזות פתחי זאגט די מדרש פונקט ווי א מזוזה, איז אינו זז מן הדלת, אזוי זאל דער מענטש זיך נישט ארויסריקען פון בית המדרש, און דעמאלט איז מען קרוב לשמוע דורך דעם לשקוד על דלתותי לשמור מזוזות פתחי.

און הקב"ה זאל העלפן מ'זאל טאקע זוכה זיין אין אלול צו מתקרב ווערן צו הקב"ה מיט אן אמת'דיגקייט, און אויסנוצען די טעג ווי עס דארף צו זיין.

---

ער מוז שוין אויסטוען דאס העמדל ווייל ער קען שוין מער נישט פארנעמען.

און אזוי ווי דער דרכי תשובה שרייבט, כמעט שלא נשחט ופרחה נשמתה וואס שטייט אויף שרה אמנו ביי די עקידה, זאגט ער שרה אמנו איז געווען אזוי אויסגעטוען פון דער וועלט אז די איינציגסטע זאך וואס האט איר געהאלטן איז געווען דאס מגדל זיין יצחק און אים צושטעלן זיין הצטרכות הגשמיות, בכדי ער זאל קענען נתעלה ווערן בעבודת ה', און אז זי האט געהערט אז יצחק איז געשטארבן, האט זי שוין נישט געהאט וואס צו טוען אויף דער וועלט.

און ספר אלף כסף (להג"מ רבי יצחק ווייס אב"ד ווערבוי ז"ל), ברענגט ער פון איינער פון די גדולים וואס זיינס א קרוב האט אים גע'מסר'ט און איינגעזעצט אין תפיסה, און שפעטער האט מען איינגעזעצט דעם קרוב, איז ער געקומען און געוויינט אז ער זאל אים מוחל זיין, האט ער אים געענטפערט, צו וועל איך דען זיין אזוי ווי א הונט וואס מען שלאגט אים בייסט ער דאס שטעקן, דאס הייסט עס איז א גזירה פון הימל, און אויף דעם קען מען נישט האבן קיין טענות.

---

[ח] רבי אהרן קוטלר ז"ל פלעגט זאגן אז אויף דער וועלט לערנט מען אלף בית, און בעוה"ב וועט מען פארשטיין בעסער און טיפער.